מנחם מענדל לעפין (איש סאטנוב)

# ספר קהלת

*תרגום*

**א א)** (דאָס זענין) דיא ווערטער קהלת דוד׳ס זוהן מלך אין ירושלים.

**ב)** הבל הבלים פלעגט קהלת צו זאָגין, הבל הבלים אַלדינג איז הבל.

**ג)** וואָס קומט דעם מענשין דרויס מיט אַלזיינע האָריוואַניע וואָס ער דערהאָריוועט זיך נאָר אונטער דער זון.

**ד)** איין דור געהט פאָרבייא און איין אַנדערער דור קומט ווידער אויף, נאָר דיא ערד בלייבט אַזוי אייביג שטעהן.

**ה)** געהט ווידער אויף דיא זון – פארגעהט ווידער דיא זון, אלץ ווידער אין איהר רוה אריין, זיא שיינט זיא שנאפּט נאר אהין.

**ו)** ער געהט קיין דרום און דרעהט זיך אויס קיין צפון, ארום און ארום געהט אויס דער ווינד, און אזוי קומט אָבער א מאָהל ארויס אויס דער אייגענער ווינד.

**ז)** אלע טייכין געהען אין ים אריין און דער ים געהט נאָך אלץ נישט איבער, וואוהין דיא טייכין געהען פארשטעה דאָרטין ארויס געהען זייא טאקי ווידער צוריק.

**ח)** אלע זאכין (מוטשען) מאטין[1] זיך נאָר עס קענט קיין מענש גאָר נישט אלץ אויסריידען, קיין אויג קען זיך דראַן ניט זאַט אָן קוקין און קיין אוהער קען זיך ניט גינוג פול אָן הערין.

**ט)** וואָס א מאָהל איז גיוועזין, דאָס אייגנע וועט טאקי ווידער א מאָהל זיין, און וואָס עס פלעגט זיך צו טהון דאָס וועט זיך ווידער אלע מאָהל טהון, עס איז גאָר אלץ קיין

[1] מאטין זיך (אַדעס 1873; ר׳ 1923): מאַטערן זיך

נייעס נישט אונטער דער זון.

**י)** אָפּט מאָהל וועט זיך א זאך מיט געבין וואָס מיזאָגט אָוואַה אָ דאָס איז שוין שפּאָגיל נייא, עס איז לא היה עס איז שוין א מאָהל אזוי אויך גיוועז, פארצייטונס אז מיר זענין נאָך אפשר גאָר אויף דער וועלט נישט גיוועז.

**יא)** עס גידענקט זיך שוין אצונד נישט אין דעם וואָס אַ מאָהל פריהער איז גיוועז, אָבער אין דיא שפּעטערע זאכין וואָס וועלין זיך ערשט טהון וועט מען נאָך שפּעטער אויך אין זייא פארגעסין.

**יב)** איך קהלת בין דאָס גיוועזן מלך איבער דיא יודען אין ירושלים.

**יג)** איך האָב מיר צום הארצין גינומען נאָך צו שפּירען אויך נאָך צוקלערין מיט׳ן שכל, איבער אלעמען וואָס פערלויפט זיך נאָר אונטערן הימעל, עס איז א שלים-מזל האָט (דאָס) גאָט גיגעבין דיא מענשען-קינדער זיך צו מאראָטשען דריבער.

**יד)** איך האָב אכטונג גיגעבין אויף אלע אינטערעסין וואָס טהוען זיך נאָר איבער אונטער דער זון צום שפּיץ איז אלדינג א הבל און איין אומזיסטער קלאפּאָט.

**טו)** וואָס איז שוין קאליע גימאכט קען מען נישט פאררעכטין, און וואָס געהט אָפּ קען מען נישט דער לייגין.

**טז)** איך האָב מיר טאקי אלליין מיט מיר א מאָהל דאָס הארץ אויסגירעט. נאָ אָט זשע האָב איך מיר שוין אי קלוגער אי געניטער גימאכט מעהר פין אלע וואָס האָבין פאר מיר גיראָנדזיט אין ירושלים, און מיין הארץ האָט דאָס אָנגיקוקט גענוג חכמה און געניטשאפט.

**יז)** איך האָב מיך אויך דרויף גילעגט צו פערשטעהן זיך אויף חכמה און פארשטעהן

זיך אויף שפּילווארג אונ נארישקייט[.] איך האָב אָבער גיוואָר גיוואָרען אז דאָס איז אויך איין אומזיסטער קאָפּ דרייעניש.

**יח)** וואָרים בייא צו פיל חכמה איז צו פיל שוועהר געמיהט, אונ וואָס מעהר פארשטעהן – איז מעהר אנגסטין.

**ב א)** האָב איך מיך ווידער אזוי מישב גיוועהן, קום אהער לאָמיך דיך נאָך אויס פּרובן מיט לוסטיגקייט אונ וואול צו געהן, אָבער אויך דאָס איז הבל.

**ב)** דאָס גילעכטער האָט זיך מיר שוין גידאכט זעהר פריקרע, אונ דאָס הוליען וואָס קומט עס צו ניטץ?

**ג)** איך האָב מיך פיר גינומען אַ שטייגער דעם גוף מיט טרינקען צו צו פילניווען, אינ'ם הארצין זיך פיהרען מיט חכמה אי פין נארישקייט אויך צו האלטין, ביז איך וועל מיר אויסקלערין וועלכעס איז פאָרט דאָס גיטע פאר דיא מענשען-קינדער וואָס זייא זאָלין טהון אונטער דעם הימעל אין דיא עטליכע טעג פין זייער לעבן.

**ד)** איך האָב דיא וועלט גיפיהרט ברמה, איך האָב מיר אויסגעבויהט הייזער, איך האָב מיר גיפלאנצט וויין גערטנער.

**ה)** איך האָב מיר ספּאראָנדזיט סעדליך אונ לוסטגערטנער, אונ האָב מיר דרינען גיזעצטביימר פין אלערלייא פּירות:

**ו)** איך האָב מיר גילאָזט ציהען רוטשקילעך מיט וואסער אָן צו טרינקען דערמיט א וועלדיל מיט וואקסינדיגע ביימלעך.

**ז)** איך האָב מיר אָן גיקויפט קנעכט אונ דינסטען, איך האָב אויך א שיין הויזגיזינד גיהאט אי א סטאדע פין רינדער אונ איין אוצר שאָף האָב איך גיהאט, מעהר איידער

אללע וואָס זענין פאַר מיר גיוועןן אין ירושלים.

**ח)** אויך גאָלד און זילבער האָב איך מיר אָנגיזאמילט, און ראַרוטעטין פון מלכים און אלערלייא מדינות, איך ה[אָ]ב[2] מיר גיהאלטין זינגערס און זינגערקעס, און כל התענוגים פין מענשין אויף דער וועלט, קאַליאסין און קארעטעס.

**ט)** איך בין אויף גיקומען און האָב מעהר פערמאָגט פין אלע וואָס זענין פאר מיר גיוועןן אין ירושלים, אי מיין חכמה איז מיר אויך דערצו בייא גישטאנען.

**י)** וואָס מיינע אויגען האָט זיך נאָר גיגלוסט, האָב איך זייא נישט פארזאָרגט, קיינערלייא שמחה האָב איך מיין הארץ גיזשאליוועט, מיין הארץ האָט פין אללע מיין האָריוואניע הנאה גיהאט, און טילקאָ דאָס איז מיין גיוועןן פין אלע מיינע האָריוואניע.

**יא)** איך האָב מיך דער נאָך ווידער ארויס גיזעהן אין אלע ארבייט וואָס מיינע הענד האָבין אויס גיארבייט. און אין דער פראצע וואָס איך האָב פערהאָריוויט, דער שפּיץ איז אלדינג הבל און איין אומזיסטער קלאפּאָט און נישט קומט הערויס אונטער דער זון.

**יב)** איך האָב מיך (דאָס יוא ווידער) גילייגט דרויף אכטונג צו געבין אויף חכמה און שפּילווארג און נארישקייט, וואָרים וויא קומט א געמיינער מענש צו א מלך וואָס ער האָט שוין אויס געפּריבט.

**יג)** איך האָב פראַוודע אליין גיזעהן: אז די חכמה איז אזוי פיל חשובער פון דיא נארישקייט וויא פיל דאָס לעכט פין דער פינצטערניש:

**יד)** דער קלוגער האָט זיינע אויגין אין קאָפּ (ניט ווייט פונ׳ם מוח) און דער נאר געהט

[2] אַדעס 1873: האָב; ר׳ 1923: האַב

ארום אין דער פינצטער, דאָס ווייס איך אָבער אליין וואול, אז איין איינציג באגעגעניש וועט דאָך אלע צו האנד קומען.

**טו)** נאָ היינט זשע האָב איך מיר ווידער אזוי גיטראכט אין מיר: דאָס אייגנע באגעגעניש פינ׳ם נאר וועט מיך נעטו אויך אזוי טרעפין, מילא וואָס זשע האָב איך דאַ היינט אזוי אויס גיקלוגט בעסירש? עס איז בייא מיר איבער דעם שוין גיבליבין אין דער דעה, אז דאָס איז אויך הבל.

**טז)** וואָרים דעם חכמ׳ס מיט׳ן נארס גידעכניש איז ניט אויף אייביג וויא באלד קומין דאָ ניט נייע צייטין וואָס אלדינג וועט זיך פארגעסין, זאָל זשע היינט יוא דער חכם אָפּ שטארבין מיט׳ן נאר גלייך?

**יז)** אזוי האָט זיך מיר גאָר אָפּריקריט דאָס לעבין, וואָרים עס איז מיר גאָר נמאס גיוואָרין פאר׳ן גאנצין אינטעריס וואָס עס געהט צו אונטער דער זון, וויא אלדינג איז הבל אונ אומזיסטער קלאפּאָט.

**יח)** עס איז מיר גופי׳ מיאוס גיוואָרין פאר גאָר מיין האָריוואניע וואָס איך האָרווע[3] מיך נאָר אונטער דער זון, אז איך זאָל עס איבער לאָזין דעם אנדערן מענשין וואָס וועט נאָך מיר קומען.

**יט)** און ווער ווייסט נאָך צי וועט ער א חכם אָדער א נאר זיין, אונ וועט מושל זיין מיט מיין האָריוואניע וואָס איך האָב אָנגיהאָריוועט אונ אָנגיקלוגט אונטער דער זון, אויך דאָס איז הבל.

**כ)** איך האָב מיך אָבער מישב גיוועזן, נאָר מיין הארץ אָפּ צו טהון פון אלעמען וואָס

[3] האָרווע (אַדעס 1873, ר׳ 1923): האָרעווע

איך האָב פאַרהאָריוויט אונטער דער זון.

**כא)** וואָרים א מאָהל מאכט זיך מיט א מענש וואָס האָריוויט מיט חכמה, מיט געניטקייט, אונ מיט ערינסטקייט, – קומט דער נאָך, זאָל ער עס איין אנדערן מענשין, וואָס האָט זיך גאָר נישט גימוטשיט דריבער, זיין פּראַציע אוועק געבען, אָט דאָס איז אויך הבל אונ א גרויס צושפּרינגעניש.

**כב)** וואָרים וויא דער געהט עס דעם בידני מענשין מיט אלע זיינע האָריוואניע אונ מיט זיין קאָפּ דרעהעניש וויא ער האָריוויט אונטער דער זון.

**כג)** אלע זיינע טעג איז קלעמעניש אונ עסעניש, אפילו בייא נאכט רוהט זיין הארץ אין אים נישט – אויך דאָס איז הבל.

**כד)** נישט בעסירס איז פאַר׳ן מענש, נאָר אז ער זאָל עסין אונ טרינקען אונ זאָל זיך לאָזין זיין געמיהט וואול זיין מיט זיין האָריוואניע, אָבער אויך דאָס האָב איך אכטונג גיגעבען דאָס איז נאָר א סיעתא דשמיא.

**כה)** טאַ! אוודאי ווער זאָל דען עסין אונ ווער זאָל דען געניסען אז ניט איך.

**כו)** דער קעגין זשע ווידער, אזוי א מענש וואָס איז ווערט בייא גאָט, דעם גיט ער חכמה, שכל, אונ פרייליכקייט, אונ דעם זינדיגען ווידער: גיט ער א שיגעון אָן צו זאמלין אונ צונויף צו ברענגען, נישטמעהר, כדי ער זאָל האָבן עפּיס דעם פרומען פאר גאָט עפּיס ירושה צו לאָזין, אָט דאָס איז אויך א הבל אונ איין אומזיסטיגער קלאפּאָט.

**ג א)** אויף אלימען איז א צייט פערהאנדין, איטליכעס פּיטציל האָט א גוויסין טערמין אונטערן הימעל.

**ב)** א צייט איז גיבוירין צו ווערין, אונ א צייט צו שטארבין, א צייט איז צו פלאנצין אונ

א צייט אויס צו רייסין דיא וואָס זענין שוין גרייט גיפלאנצט.

**ג)** א צייט צו הרגינין, אונ א צייט צו היילין, א צייט צום צו ווארפין אונ א צייט צום בויען.

**ד)** א צייט צו וויינען אונ א צייט צו לאכין, א צייט צום טרויערין אונ אַ צייט צו טאנצין.

**ה)** א צייט ארויס צו ווארפין שטיינער, אונ אַ צייט שטיינער צונויף צו קלויבען, א צייט צו האלזין יענעם, אונ א צייט זיך מרחיק זיין פין לעשטשין.

**ו)** א צייט צו זוכען אונ א צייט צו פארלירען, א מאָהל א זאך צו באוואָרינען, איין אנדערט מאָהל אוועק צו ווארפין.

**ז)** דעמילט צו צורייסען אונ דעמילט צו צו נייהען, דעמילט צו שווייגען אונ דעמילט צו ריידען.

**ח)** א צייט ליב צו האָבין אונ אַ צייט פיינד צו האָבין, א צייט צו שלאָגין זיך אונ א צייט פין שלום.

**ט)** וואָס זשע קומט היינט דען דעם ארבייטערער ארויס וואָס ער האָריוויט?

**י)** איך האָב נאָר אכטונג גיגעבין אויפ׳ן עסק וואָס גאָט האָט אָפּ גיגעבין דיא מענשין-קינדער צו קלויצין זיך דערמיט.

**יא)** אלדינג האָט ער אַזוי אויס גיטעכירט וויא עס שטעהט אָן נאָך זיין צייט נאָך, אונ פאָרט האָט ער עס זייא אזוי אין הארצין גילייגט גלייך ווען עס העט זייער וועלט גיוועזן, חאָטשי זיי קענין דאָך צום שפּיטץ פאָרט ניט אנדערש האנדלין, נאָר טאַקי אלץ וויא גאָט האָט עס אויס גיסדר׳ט פינ׳ם אָנהייב ביז צום אויסלאָז.

**יב)** דאָס ווייס איך שוין: אז עס איז נישט בעסירס דערינין, אז לוסטיג צו זיין אונ גוט׳ס צו טהון אזוי לאנג מען לעבט.

**יג)** אונ ווידער אז איטליכר מענש דער וואָס עסט גוט אונ טרינקט גוט, אונ זעהט א נחס אין זיין האָריוואניע, אז דאָס איז (יוא) א מתנה פון גאָט.

**יד)** איך ווייס וואול אז אלדינג וואָס גאָט מאכט דאָס מוז שוין בלייבען אויף אייביג, מען קען דערצו נישט צו לייגין אונ דערפין נישט אַראָפּ נעמין, אונ גאָט האָט עס אומיסטנע אזוי באשטעלט כדי מען זאָל פאר איהם מורא האָבין.

**טו)** וואָס איז גיוועזן דאָס איז דאָך שוין דאָ, אונ וואָס עס זאָל זיין איז אויך גלייך ווען עס האָט שוין גיוועזן, אונ גאָט וויל גאָר אזוי האָבין דאָס גערעג דערפין.

**טז)** אויך דאָס האָב איך צו גיזעהן אונטער דער זון דאָרטין וויא עס האָט גיקעהרט זיין א רעכט, גראָד דאָרטין זשע איז גאָר די עולה, אונ דאָרטין וויא עס זאָל זיין דיא עהרליכקייט, דווקא דאָרטין איז הולטייסטווע.

**יז)** איבער דעם האָב איך בייא מיר אין הארצין אזוי אויסגיקלעהרט, מסתמא מוז גאָט דערנאָך אי דעם עהרליכען אי דעם הולטייא פארהערין, וואָרים אויף איטליכער מעשה אונ אויף איטליכען אינטערעס איז א מאָהל ערגיץ א צייט גישטעלט גיוואָרין.

**יח)** א מאָהל האָב איך מיט מיר גיטראכט א קעגין דיא מענשין-קינדער וואָסריידין זיך איין גאָט אויס צו קלערין, אונ זייא זיך גופיה פאר בהמות צו האלטין.

**יט)** ווייל (מע זעהט) דאָס באגעגעניש פין דיא מענשין אונ דאָס באגעגעניש פין דער בהמה אלץ-איינס, שטארבין שטארבט אויך דער, אזוי גוט וויא דער, אונ אללע זענין נור וויא איין דוך, דאָס חשיבות פינ׳ם מענשין איבער דער בהמה איז גאָר נישט,

וואָרים אלדינג איז הבל.

**כ)** אלדינג געהט אין איין אָרט אריין, אלדינג איז גיוואָרין פין דער ערד, אונ אלדינג געהט ווידער צוריק אין דער ערד אריין.

**כא)** ווער ווייסט עס דען אז דער דוך פין דיא מענשין-קינדער, אז ער געהט גראד ארויף, אונ אז דער דוך פין דער בהמה געהט אראָפּ אין דער ערד אריין.

**כב)** איך העט כמעט גיגלויבט, דער אמת איז אזוי, עס איז נישט בעסער נאָר דער מענש זאָל זיך דערווייל אָן הוליען מיט זיין בריהשאפט, וואָרום דאָס האָט ער דאָך דערווייל אין דיא הענט, ווער נעטה איהם דען זיך אַרום צו זעהן אויף דעם וואָס נאָך איהם וועט זיך טהון.

**ד א)** אזוי האָב איך מיך ווידער גינומען אונ באַקוקט דיא גזילות וואָס גישעהען נאָר אונטער דער זון, וויא דיא טרערין פין דיא באראביוויטע וואָס האָבין נישט אימעצין זאָל זיך זייערער אָן נעמין, אונ צו ראטיווען פין זייערע בארייסערס – קוקט זיך אויף זייא קיינער נישט ארום.

**ב)** גיפעהלט מיר בעסיר דיא געשטאָרבענע וואָס זענין שוין לאנג טויט, איידער דיא לעבעדיגע וואָס לעבין נאָך.

**ג)** אונ נאָך בעסיר פין זייאביידע איז דער, וואָס איז נאָך גאָר נישט גיוועזן אויף דער וועלט, אונ האָט עס גאָר נישט צו גיזעהען דיא פארדראָסיגע זאך וואָס טהוט זיך אונטער דער זון.

**ד)** אויך האָב איך צו גיזעהן אַלדאָס האָריווען אונ אלע בריהשאפט אין האנדלין אז עס איז נאָר וויא א גיוועט צווישען דיא לייט, וויא איינער איז דעם אנדערין נאָר מקנא,

דאָס איז אויך הבל און אומזיסטער קלאפּאָט.

**ה)** דער פוילער פערלייגט דיא הענט און פארצעהרט דאָס פלייש פין זיך אראָפּ.

**ו)** צו מאָהל איז אָבער אויך בעסער א זשמעני נחת, פיןביידע הענט פול מיט האָריוואניע און קאָפּ דרייעניש.

**ז)** ווידער האָב איך מיך ארום גיזעהען אויף איין אנדערן הבל אונטער דער זון.

**ח)** אָפּט מאָהל ועט זיין איינער, ער האָט גאָר קיינים ניט צו זיך, אויך קיין זוהן און קיין ברידער נישט, און זיין האָריווין האָט גאָר קיין עק נישט, און זיינע אויגין האָבין גאָר קיין זעט נישט, (עס פאלט איהם קיינמאָהל נישט איין צו טראַכטין), פין וועמיש וועגין דען האָריווע איך און פארגין מיר אליין קיין גוטץ נישט? אויך דאָס איז א הבל א שלים שלימזל.

**ט)** בעסיר איז שוין צווייא אירע פין איינים, זייא קענין שוין א בעסערין ריוח האָבין אין זייער האָריוואניע.

**י)** וואָרים ווען זיי פאלין חאָטשי אַיין אָפּט מאָהל, אזוי קען איינער דעם אנדערן אויף הייבין, אָבער פערשווארצט איז שוין דער איינער גיוואָרין, אז ער פאלט אזוי האָט ער שוין קיינים וואָס ער זאָל איהם אויף הייבען.

**יא)** אויך ווען צווייא אירע שלאָפין בייא אנאנדער איז זייאווארים און איינעם אָבער ווי אזוי זאָל ווארים זיין?

**יב)** ווען איינער פאלט אָן אויף זייא, אזוי קענין דיא אקעגין איהם בעסיר באַשטעהען, און מכל שכן אז א געדרייטער פאָדים אין דרייען קען זיך גאָר נישט פשוט צו רייסין.

**יג)** בעסיר איז א יונגער מאן איין אָרימער און א קלוגער איידער איין אלטער מלך און

איין נארישער, וואָס ער וועט זיך שוין קיינמאָהל נישט אויסלערנען געניט צו זיין.

**יד)** וואָרים דער איז דאָך אויך אויס דער תפיסה (דאָס מיינט מען דער מוטר׳ס לייב) ארויס גיקומען מלך צו ווערין, און (האָטשע וויא ער איז אצונד א מלך) איז ער דאָך אויך גיבוירין אָרום.

**טו)** איך האָב אכטונג גיגעבין אויף אלע לעבענדיגע וואָס געהען אַרום אונטער דער זון, אלע האלטין שוין באצייטין מיט דעם יונגען וואָס וועט נאָך איהם אויף שטיין, (נ״א דער עולם האָט זיך קיין מאָהל נישט באגניגין גילאָזט מיט דעם וואָס זייא האָבין פאר זיך גיהאט, אזוי וועלין זיך אויך דיא שפעטירע מיט דעם איצטיגען נישט פרייען).

**טז)** אזוי וויא יענער עולם האָט אויך גאָר קיין עק ניט דיא וואָס זענין פאר זייא גיוועהן (און האָבין אלע מיט דעם גיהאלטין), אזוי וועלין דיא הינטערשטע אין זייערום אויך אַ מאָהל קיין נחת נישט האָבין וואָרים דאָס איז אויך הבל און אומזיסט קאָפּ ברעכעניש.

**יז)** גיב אכטונג אויף דיינע טריט אז דוא געהסט אין גאָטס הויז אריין, גיוויין דיך בעסיר צו פאָלגין, איידער דאָס וואָס דיא נאראָנים זענין מנדר קרבנות, גינוג האָבין זייא קיין שכל ניט אז זייא טהוען בייזעש.

**ה א)** זייא ניט גיך אויפ׳ן מויל, און ניט קיין פלוט מיט׳ן האַרצין, זיך אויס צו פלוידערין עפיס קעגין גאָט, וואָרים גאָט איז אויפ׳ן הימעל, און דוא ביסט דאָך אויף דער ערד, איבר דעם דאַרפסטו בעסער צו זיין מיט ווייניג ריידין.

**ב)** אזוי וויא דער חלום קומט אָן אויסגעמישט פין פיהל זאכין, אזוי דאָס קול פין א נאר מיט א סך גירריידערייא.

**ג)** אז דוא ביסט עפיס מנדר צו גאָט, קעהרסטו עס ניט פאר זאמין צו באצאָהלין וואָרים

עס איז קיין נחת אין נאראָנים, וואָס דוא ביסט מנדר צאָהל.

**ד)** בעסער זייא גאָר נישט מנדר, איידער זאָלסט מנדר זיין און נישט צאָהלין.

**ה)** צולאָז נישט דאָס מויל דיר צו פאַרזינדיגען דיא יאָהר, דוא וועסט דעם מלאך גאָר נישט קענען פיר זאָגין: איך האָב מיך טועה גיוועהן, פין וועסט וועגין זאָל גאָט זיך דערצערינען איבער דיין קול, און זאָל דיר שלימזל געבין אין דיין מעשה ידי אַריין.

**ו)** וואָרים פין פיל חלומות און הבלים און גיריידערייא קומט אַלץ נישט הערויס, דער עיקר איז אביא פאַר גאָט זיך צו פאָרכטין.

**ז)** אז דוא זעהסט דיא קריוודיס פין איין אָרימאן און דיא באגזלייע עהרליכקייט און גירעכטיגקייט אין א מדינה, האָסטו דיך נישט צו חידש׳ן אויפ׳ן יצה״ר, וואָרין [זיין שטייגער געהט תמיד אזוי][4] איין מענש וואָס איז עפּיס העכער פינ׳ם אנדערן, זעהט אויף דעם וואָס פין איהם נאָך העכער איז. און דער העכערער אויפ׳ן נאָך-העכערן, אלע הויכע קוקין אריבער איבער זיך.

**ח)** אזוי איז דאָך דיא פארברענגערש (בעלי גאוה) פין א מדינה מתפשט דורך און דורך ביז אפילו דער בעל הבית פין אַ פעלד ווערט א האַר איבער בעדינטע.

**ט)** ווער עס טראכט נאָך געלט, קען זיך נישט אָן זעטיגין מיט געלט, און דער וואָס טראכט נאָך כבוד, פרעגט נישט אויף זיין פארמעגעניש – דאָס איז אויך א הבל.

**י)** דאָרט ווי עס געהט איינים גוט און פיל עסער׳ס גיפינען זיך דרויף, קומט דעם בעל הבית מעהר ניטש הערויס, נאָר וואָס ער זעהט עס צו.

**יא)** זיס איז דער שלאָף דעם ארבייטאָרער, צי האָט ער נעבוך ווינציג אָדער פיל

[4] קאַנטיקע קלאַמערן אין אַדעס 1873 און ר׳ 1923

גיהאט, אזוי האָט ער עס גיגעסין, אָבער די זאטקייט דעם עושרס לאָזט איהם ניט שלאָפין.

**יב)** נאָך איין ערגערע קרענק האָב איך א מאָהל גיזעהען אונטער דער זון, איין עשירות ליגט באוואָרינט צום שלימזל זיין אייגינעם בעל בית.

**יג)** אי דאָס עשירות ווערט נאָך פארפאלין דורך א בייזער סיבה (ווערט איזטשעזשניט אין אנגסטין), און אז ער האָט א זון פערמאָגט ער שוין גאָר נישט.

**יד)** אזוי וויא ער איז ארויס גיקומען אויס דער מוטער׳ס לייב נאקיט, אזוי וועט ער טאקי צוריק געהן וויא ער איז גיקומען, און האָט גאָר נישט מיט צו טראָגין פין זיין האָריוואניע (וואָס ער זאָל זיך קאָנען בעניטצען דערמיט.)

**טו)** אָ דאָס איז אויך א ביטערע קרענק אזוי וויא ער איז גיקומען אזוי געהט ער אוועק (מיט נישט), און וואָס קומט אים זשע ארויס וואָס ער זאָל נאָר מוטשען זיך אויפ׳ן רוח.

**טז)** אייך אלע זיינע טעג זאָל ער עסין אין דער פינצטער, זאָל ער א ים עסינעש האָבין, אין קרענק אריין פאלין און גרימיניש בעקומען.

**יז)** אָט זשע העט זיך מיר אויך באלד גידאכט, צום שענסטין און צום בעסטין איז עסין און טרינקען, און זיך א נחת אָן טהון מיט אלע זיינע האָריוואניע וואָס ער פערהאָריוועט זיך אונטער דער זון, די עטליכע צו גיצעהלטע טעג פין זיין לעבין וואָס גאָט האָט איהם גיגעבין און דאָס וועט זיין בלייבען.

**יח)** און דער אמת איז אזוי א מענש וואָס גאָט האָט איהם באשעהרט עשירות און נחלאות און האָט איהם אויך שליטה גיגעבין דערפין צו געניסען און על כל פנים זיין חלק דערפין אָפּ צו הייבין און זיך משמח זיין מיט זיין האָריוואניע, אָ דאָס איז יוא א

מתנה פין גאָט.

**יט)** ניט אלץ אויף איינצוזאמלין לאָז ער בעסיר אין זיין אייגינעם לעבין גידענקין אז עס איז יוא גאָט ניחא דיא פרייליכקייט פין זיין הארץ (נ"א אז גאָט איז יוא מסכים אויפ׳ן פרייליכקייט וכו׳) –

**ו׳ א)** עס איז פארהאנדין א שלימזל וואָס איך האָב צו גיזעהען אונטער דער זון, אונ דאָס איז צו גרויס אויפ׳ן מענשען.

**ב)** איין מענש וואָס גאָט ב"ה גיט איהם עשירות אונ נחלאות אונ כבוד, אונ עס געהט איהם גאָר נישט אפּ אין קיין זאך וואָס זאָל זיך אים גלוסטען, אָבער גאָט גיט איהם קיין שליטה נישט אז ער גופי׳ זאָל עפּיס דערפין גיניסין נאָר איין אנדערער דייקא זאָל עס גיניסען אין גאנצין. אָ דאָס איז הבל אונ א ביטערע קרענק.

**ג)** ווען איינער זאָל דאָ אָבער אויך הונדערט קינדער האָבין אונ זאָל דאָ פיל יאָהר לעבין, אזוי פיל וויא ער וויל זיך אליין לעבין, נשמר זיין געמיהט האָט קיין שום זעט נישט גיהאט פין דעם גוטס אונ אפילו בייא זיין טויט האָט ער קיין רעכטע קבורה נישט גיהאט, אזוי האָב איך שוין לאנג גיזאָגט אז איין נפל׳ע איז בעסיר פין איהם.

**ד)** וואָרים דאָס נפל׳ע איז זיך אין דער שטיל אָנגעקוממען, אונ אין דער פינצטער אוועק גיגאנגען אונ אזוי וועט טאקי זיין נאָמען אין דער פינצטערניש פאר האָהלען ווערין.

**ה)** עס האָט אפילו נאָך דיא זון ניט אָנגיזעהען אונ האָט גאָר פין נישט ניט גיוויסט ממילא אזוי האָט עס גיוויס מעהר נחת פין יענים.

**ו)** אונ אפילו עס וואָלט גיוועז גילעבט טויזענד מאָהל צווייא מאָהל אונ העט אין נישט

קיין נחת גיזעהען, אזוי קומט עס אלץ אויף אלצאיינעם אויס.

**ז)** נאָר דעם דאָזיגען מענשינ׳ס האָריוואניע געהט אינ׳ם מויל אריין און זיין געמיהט האָט אויך קיין זעט נישט.

**ח)** מיט וואָס דען איז דער חכם חשובער פין דעם נאר, ווי קומט דער קלוגער אָרימאן בעסער פין אלע לייט אויס?

**ט)** בעסער וואָס די אויגין זעהען (דאָס הייסט וויא דער קלוגער אָרימאן נעהמט אָן מיט דעם ביסיל וואָס ער זעהט אין זיין פארמעגינש פאר ליב) איידער ארום צו וואנדרין אין געמיהט, אויך דאָס איז אַ הבל און איין אומזיסטער קלאפּאָט.

**י)** וואָס דער מענש איז שוין גיוועזן (ביזקיל אהער) פאר דעם האלט מען איהם שוין, און דערפאר איז ער באקאַנט, אָבער זיך באָרין מיט א שטארקין, (וד״ה: צו וועלין וויסין מעהר פין אונזער פערשטאנד) דאָס איז אונמעגליך.

**יא)** וואָרים דער אמת איז פארהאנדין פיל זאכין וואָס מאכין נאָר פיל געפּילדער וואָס קומט אָבער דעם מענשין הערויס?

**יב)** ווער זשע ווייסט דען וואָס פארן מענשען איז גוט אין דעם דאָזיגען לעבען (דיא עטליכע טעג פין זיין שלים מזל לעבין) העט ער זייא זיך נאָר גימאכט וויא א שאַטין (דאָס הייסט וויא איין אָרט וואָס עס פארשטעלט פאר דער היטץ פין דער זון) אָבער קען איהם יוא אימיצער אויסזאָגין וואָס נאָך איהם וועט זיך טהון אונטער דער זון?

**ז א)** אָפּט איז בעסער א גוטער שם – פין טייערע אֶהלין, און דער טאָג פינ׳ם שטארבין – איידער דער טאָג פינ׳ם גיבוירן ווערן (עס הייסט אז מען זעהט שוין אז מען האָט דיא וועלט כשר אויסגיפיהרט.)]

**ב)** בעסער איז צו געהן צו איין אָבל, איידער אויף א סעודה, וואָרים דאָס איז שוין דער סוף פינ׳ם גארין מענש, און דער לעבעדיגער וועט זיך דערפין צום הארצין נעהמען.

**ג)** א מאָהל איז בעסער פערדראָס איידער (פוסטע) גילעכטער, מיט א שלעכט פּנים קען אויך דאָס געמיהט צו פרידין זיין.

**ד)** קלוגע האָבין זייער הארץ אויך דאָרט וויא מען איז אומעדיג, און דאָס הארץ פין נאראָנים איז גאָר וויא מען הולטייעט.

**ה)** בעסער צו הערען דאָס אָנשרייען פין א קלוגין איידער אזוינער וואָס הערט אויס לידעלעך פון נאראָנים.

**ו)** וואָרים אזוי וויא דאָס טרעשטשין פין דערנער אונטערן טאָפּ אזוי איז דאָס גילעכטער פינ׳ם נאר, אָבער דאָס איז הבל.

**ז)** דיא בערייסערייא דעם נאר׳ס פארמאָראָטשעט א חכם, און דורך זיין מתנה ווערט ער אָפּט נאָך מעהר דאָס הארץ אָהן.

**ח)** בעסער איז דער אויסגאנג פין א זאך – איידער דער אָנהייב, בעסער א סבלן איידער א שטאלצער נאר.

**ט)** זייא ניט א פלוט אין דער געשווינד זיך צו דער רגזינען, וואָרים כעס קען נאָר זיין רוהע האָבין אין דעם בוזים פין נאראָנים.

**י)** זאָג ניט וואָס באטייט דאָס וואָס יענע צייטען זענין בעסער גיוועהן פין דיא היינטיגע, וואָרים דאָס פרעגסטו אוודאי ניט פאר חכמה.

**יא)** צו עשירות איז גוט חכמה און נאָך בעסער איז זיא, פאר דיא וואָס שפּיגלען זיך אין דער זון (דאָס הייסט: דיא וואָס ווילין פין זייער עשירות א נחת האָבין).

**יב)** א מאָהל אינ׳ם שאַטען פין חכמה, אונ א מאָהל אינ׳ם שאַטען פינ׳ם געלט א נחת צו האָבין איז אוודאי גוט. וואָרים דיא חכמה איז מחיה איהרע לייט.

**יג)** זעה נאָר צו דאָס גרייטע וויא גאָט פיהרט דיא וועלט וואָרים קיינער קען נישט בעסער מאכין וויא ער האָט גיוואָלט קאליע מאכין.

**יד)** דעמעלט אז עס געהט גוט, מעגסטו א נחת האָבין אונ אז עס געהט שלעכט קענסטו נאָר צו זעהען דאָס גרייטע, אי דאָס אי דאָס האָט אלץ גאָט גימאכט איינ׳ס קעגין אנדרן, כדי דער מענש זאָל שוין גאָר נישט געפינגען נאָך איהם עפיס מגיה צו זיין.

**טו)** אלצדינג האָב איך צו גיזעהען אין מיינע שלים-מזלנע צייטין, אָפט מאָהל איין עהרליכער רייסט קריעה מיט זיין עהרליכקייט. אונ אָפט מאָהל א הולטייא האָט א לאנג גיוועהר מיט זיין הולטייסקיקייט.

**טז)** זייא ניט צו פרום אונ זייא ניט איבריג קלוג וואָרים דוא האָסט א ברירה גאָר משוגע צו ווערין.

**יז)** זייא אָבער אויך ניט גאָר איבריג א הולטייא, אונ זייא ניט איבריג א נאר, וואָרים זיסט האָסטו א ברירה צו שטארבין אָהן א צייט.

**יח)** עס איז גוט זאָלסט זיך האלטין אין דעם, אונ יענץ אויך נישט אויס דיא הענט לאָזין, וואָרים דער רעכטער פרומער קען מיט אלע אויסקומען.

**יט)** דיא חכמה איז מעהר באוואָריניש פאר׳ן חכם, איידער צעהען עלטסטע אין דער שטאָדט.

**כ)** וואָרים צום אמת איז גאָר נישט פארהאנדין אזוי איין עהרליכער מענש אויף דער וועלט, וואָס ער זאָל נאָר גוטס טהון אונ זאָל קיין מאָהל נישט פעהלער מאכין.

**כא)** איך אויף אלעם וואָס מען שמיסט דארפסטו דיך נישט ארום קוקין, זיסט האָסטו א ברירה צו דער הערן וויא דיין אייגינער קנעכט שעלט דיך.

**כב)** דער קעגין ווייסטו דיך בייא דיר אויך וואול וויא דוא האָט אויך גישאָלטין אַנדערע.

**כג)** אזוי פיל האָב איך אויס גיקלערט פין דער חכמה, איך האָב גיוואָלט גאָר גאנץ קלוג זיין, אָבער פין דעם בין איך נאָך וייט גיבליבין.

**כד)** דאָס איז שוין פערבייא דאָס וואָס איז גיוועזן, זייער וויט וואָס מען קען עס שוין נישט דער יאָגין.

**כה)** א מאָהל האָב איך מיך גינומען מיט'ן גאַנצין הארצין, גיוואָהר צו ווערין אונ צו דער קלעהרין אונ נאָך צו פאָרשין מיט חכמה אונ מיט חשבון, אונ צו וויסין דאָס רשעות פין נארישקייט, אונ דאָס נארישקייט פין הולטייסקוקייט.

**כו)** איך זעה אָבער אז דיא נקבה איז ערגער פינ'ם טויט (אויף דער וועלט), זיא איז אזוי וויא א סיטע, איהר הארץ איז ווי א זאַסילקע, קיידוניס זענין איהרע הענט, דער ווענמען גאָט האָט ליב – דער קען פין איהר ניצל ווערין, אונ דעם בעל עבירה דער טאפט זיא.

**כז)** אָ דאָס האָב איך אוסגיקלעהרט – זאָגט קהלת – איינציגווייס, איינציגווייס אויפ'ן חשבון אַרויס צו קומען.

**כח)** וואָס נאָך האָב איך אויף דער וועלט גיזוכט אונ האָב עס נישט אָנגעטראָפין, איין מענש (א רעכטין) האָב איך צווישען טויזענד אָנגיטראָפין, אָבער קיין אשה האָב איך צווישען אַלע (א רעכטע) נישט געקענט גיפינען.

**כט)** אָ דאָס איינציגע האָב איך דאָס יוא זעהר קלאָהר אויסגיקלעהרט אויף דער וועלט, אז גאָט האָט טאקי באמת גימאכט דעם מענשען פשוט, נשמר זייא האָבין זיך טאקי אליין אויסגיזוכט פילערלייא שלים-מזל.

**ח א)** ווער איז נאָך אזוי וויא דער חכם? ווער ווייסט נאָך אַזוי גוט אין אלעס א מיטעלמאָס צו האָבין, דיא חכמה פין א מענש שיינט איהם אויס זיין פנים ארויס, אונ זיין אויפגרוימקייט[5] דאכט זיך נאָך א מאָהל אזוי גרויס.

**ב)** איך אָבער האלט מיך דראַן, דעם פּריקאז פין א מלך צו היטען, אונ דערצו נאָך דיא שבועה פין גאָט.

**ג)** לאָז ער זיך דיר ניט צו גיך דאקוטשען, דוא זאָלסט איהם מוזין ווייכען, זאָלסט דיך נאָר אליין נישט פיהלען אין קיין שלעכטער זאך, וואָרים ער קען זיך אויספיהרען וואָס ער וויל.

**ד)** וואָרים דאָס וואָרט פין א מלך איז א שארפער אָקאַז, ווער קען דען איהם זאָגין, וואָס טהוסטו דאָס?

**ה)** דער וואָס היט אָבער וואָס מען הייסט איהם, דער ווייסט גאָר נישט פין בייז צו זאָגין, אונ דיא צייט אונ דאָס רעכט דאָס ווייסט דער קלוגער בייא זיך וואול.

**ו)** וואָרים אויף אלע זאכין אויף דער וועלט איז פערהאנדין א צייט אונ א רעכט, אונ דער מענש איז צו פילערלייא שלים-מזל אויף דער וועלט אָנגרייטיג.

**ז)** וואָרים אצונד קען ער נאָך נישט וויסין וואָס ער קען נאָך א מאָהל זיין, אונ וואָס א מאָהל וועט זיך מיט איהם טהון קען איהם אצונד קיינער נישט מודיע זיין.

[5] אויפגערוימקייט (אַדעס 1873; ר' 1923): אויפֿגערוימטקייט

**ח)** קיין מענש האָט ניט צו שאפין איבער דער לופט, ער זאָל ניט צו לאָזין (צו זיך א בייזע לופט) אונ מען האָט נישט צו שאפין איבער דעם טאָג פינ׳ם טויט. מען קען זיך אין ערגיץ נישט אהין טהון פאר א מלחמה, הולטייסקע שטוקעס קענין דעם הולטייא נישט ראטיווען אין א נויט.

**ט)** אָ דאָס אלץ האָב איך שוין צו גיזעהען אונ האָב מיר עס וואול צום הארץ גינומען אומעדום וויא א זאך איז דערגאנגען אויף דער וועלט, ווען א מענש האָט גיוואָלט מיט א מענשין וואָיווען צו בייזין.

**י)** אזוי האָב איך שוין אָפט גיזעהען רשעים זענין באגראָבין אונ פערגאנגען גיוואָרין אונ פינ׳ם הייליגען אָרט ארויס גינומען, מען האָט שוין גאָר אי פאר געסין אָן זייא אין דער שטאָדט וויא זייא האָבין אזוי פארפיהרט, דאָס איז גאָר א הבל.

**יא)** ווייל דאָס וואָס פאר דיא בייזע מעשים איז באשעהרט אויף דער וועלט גישעהט ניט אלע מאָהל זאריז, איבער דעם דערוואזשען זיך די מענשין בייז צו טהון.

**יב)** ווייל א זינדיגער טהוט אָפט בייז א סך אונ מעןווארט איהם אויס וואָרים דעם אמת ווייס איך וואול אז דיא פרומע מוז עס א מאָהל דאָך גוט זיין דיא פאר גאט פרום זענין.

**יג)** אונ גוט וועט עס איהם ניט אלץ בלייבען דעם רשע. ער וועט זיך ניט עלטערען דרינען אזוי ווי א שאַטען נאָר דער פאר ווייל ער האָט קיין יראת שמים ניט.

**יד)** עס איז פערהאנדין א הבל וואָס טהוט זיך אויף דער וועלט, עס איז פערהאנדין אָפט איין עהרליכער אונ עס דערגעהט איהם אזוי ווי א הולטייא העט גיקעהרט דערגעהן אונ עס איז ווידער פערהאַנדין הולטייעס וואָס עס דערגעהט זייא וויא עס

העט גיקעהרט איין עהרליכען זיין, אָ דאָס האָב איך שוין לאנג גיזאָגט עס איז אויך א הבל.

**טו)** אזוי איז מיר בעסיר גיפעהלין דאָס לוסטיגקייט, וואָרים עס איז נישט בעסער פאַר׳ן מענשין אויף דער וועלט וויא אז מען זאָל עסין אונ טרינקען (וואָס מען פאַר מאָגט) אונ דערבייא לוסטיג זיין, אונ אָן דעם זאָל ער זיך האלטין דיא עטליכע טעג וואָס גאָט האָט איהם גיגעבין צו לעבין אויף דער וועלט.

**טז)** אזוי האָב איך אין פלוג גימיינט, אז איך האָב מיך נאָר גינומען דרויף נאָך צו קלעהרן מיט חכמה אונ מיך ארום צו קוקין אויפ׳ן שטייגער וויא אויף דער וועלט פיהרט זיך, וויא טעג אונ נעכט נעהמט זיך אפילו קיין שלאָף אין דיא אויגין נישט.

**יז)** איך האָב אָבער מיך צום שפיץ באקלעהרט איבער אלע גאָט׳ס מעשים אז דער מענש קען גאָר נישט דער ראָטין וויא אזוי עס טהוט זיך אונטער דער זון, חאָטשי ער זאָל זיך אזוי פיל מיטשען נאָך צו קלעהרן וועט ער אלץ פאָרט נישט דער ראָטין וויא אפילו חאָטשי דער חכם זאָל זיך טראכטין ער וועט וויסין, ניין אָבער! ער וועט פאק נישט וויסין!

**ט א)** וואָרים דאָס אלץ האָב איך מיר צום הארצין גינומען דאָס אלץ צו קלעהרן, וויא דיא צדיקים אונ דיא חכמים אונ זייערע תלמידים זענין אלץ בייא גאָט אין דיא הענט, אפילו אי אהבה אי שנאה ווייסט דער מענש ניט אלץ איז שוין גרייט פאר זייא.

**ב)** נאָר אלץ מיט איין אנדער (אַלץ אונ אלץ) איינערלייא באגעגיניש, דעם עהרליכען אונ דעם הולטייא, דעם גוטין אונ דעם כשר׳ן אונ דעם טמא, אונ דעם וואָס ברענגט אלץ קרבנות אונ דעם וואָס ברענגט נישט, דעם גוטין אזוי וויא דעם זינדיגען, דער

וואָס שווערט זיך אלץ, אזוי וויא דער וואָס האָט פאר א שבועה מורא.

**ג)** אָ דאָס איז קיין כיבוד נישט אין אלימען וואָס פערלויפּט זיך אונטער דער זון, וואָס איינערלייא זאך טרעפט אלע און ווידער וואָס דאָס רוב מענשען-קינדער האָבין זייערע הערצער פול מיט באָזקייט און מיט שפּיטצליך אזוי לאנג זייא לעבין, און דערנאָך געהען זייא זיך איבער צו דיא מתים.

**ד)** מען מעג זיך אויסקלויבין וועמען מען וויל, אזוי האָבין פאָרט אלע לעבענדיגע א בטחון (אויף גוטש), דער לעבענדיגער הונד איז חשובער פינ׳ם טויטן לייב.

**ה)** וואָרים דיא לעבענדיגע ווייסין וואול, אז זייא וועלין שטארבין, און דיא מתים ווייסין שוין גאָר נישט (זייא האָבין שוין גאָר נישט קיין שכר עפּיס צו ווארטין, וואָרים זייער גידעכיניש איז שוין פארגעסין גיוואָרין).

**ו)** אי זייער פריינדשאפט, אי זייער פיינדשאפט, איז זייער קנאה, איז שוין לאנג פערפאלין גיוואָרין, און זייא האָבין שוין גאָר קיין חלק נישט אויף אייביג אין אלים וואָס טהוט זיך איבער אונטער דער זון.

**ז)** געה! עס דיר לוסטיג דיין סעודה, און מיט א פריילך הארץ טרינק דיר דיין וויין, וואָרים גאָט גיפעלט שוין אוודאי אזוי וויא דיא פיהרסט דיך.

**ח)** תמיד זאָל דיין גרעטה זיין קלאָהר, און זאלב אויף דיין קאָפּ זאָלשטו ניט זשאליוען.

**ט)** האָב דיר נאָר א גוט לעבין מיט׳ן ווייב וואָס דוא האָסט ליב אזוי לאנג דיין שלימזלנע לעבין איז, וואָס גאָט האָט דיר אָפּ גיגעבין אונטער דער זון, אלע דיינע שלימזלנע טעג, וואָרים טילקאָ דאָס איז דיין אינ׳ם לעבין און אין דיין האָריוואניע וואָס דו פערהאָריוויסט אונטער דער זון.

**י)** וואָס דוא קענסט נשמר אויספיהרען מיט דיין תקיפות דאָס טהוא, וואָרים עס איז שוין דאָרט מעהר נישט פארהאנדין קיין אינטערעס קיין חשבון און חכמה און א שכל אינ׳ם גרוב וויא אהין דוא געהסט.

**יא)** א מאָהל האָב איך מיך ווידער אומגיזעהען אז ניט אלע מאָהל האָבין דיא גרינגע א גוט גילויף און ניט דיא גבורים דיא מלחמה, אויך ניט דיא חכמים פרנסה, און ניט דיא געשייטע עשירות, אויך ניט דיא געניטע חן, אויף אלימען איז א צייט און א סבה פערהאנדין וואָס קען זייא צו קומען.

**יב)** אזוי ווייסט אויך דער מענש ניט ווען זיין צייט קומט, אזוי וויא דיא פיש וואָס ווערין גיחאפּט אין א שאָפּילער נעץ, און וויא דיא פייגיל ווערן דערטאפּט מיט דער פריטע, אזוי וויא זייא, אזוי פאלין אָפּט דיא מענשין-קינדער ארײן אין א לייד אז עס טרעפט זייא פּלוצליך.

**יג)** אויך דאָס האָב איך א מאָהל צו גיזעהען א חכמה אונטער דער זון, און עס איז בייא מיר זעהר חשוב.

**יד)** א קליין שטעטיל און לייט זענין ווינציג דרינען און עס קומט דער צו א גרויסער מלך און רינגעלט עס ארום און מאכט דרויף גרויסע וואלין.

**טו)** ער טרעפט אָבער אָן דרינען איין אָרימאן אָבער א חכם און דער איז מציל דאָס שטעטיל מיט זיין חכמה, עס האָט גאָר קיין מענש נישט גיהערט קיין מאָהל פין דעם אָרימאן אין שטאָדט ביז אהער.

**טז)** דאכט זיך מיר אז חכמה איז חשובער פין גבורה, נאָר דיא חכמה פין איין אָרימאן איז מבוזה, און זיינע ווערטער זענין נישט חשוב.

**יז)** און דער אמת דיא ווערטער פֿין חכמים איז גישמאקער צו פֿאָלגין איידער דאָס גיפֿילדער פֿין א פֿריץ איבער נאראָנים.

**יח)** חכמה איז בעסער פֿין גיוועהר, אָבער איין איינציגער חסרון איזבאַוויט פֿיל גוטץ.

**י' א)** גיפֿגרטע פֿליגין קענין פֿארשטינקין און אויף יערין (אז זייא פֿאלין אריין), אין די טייערסטע זאלבען, אזוי איז איינער א פֿיינע בריה מיט חכמה מיט כבוד, נאָר א ביסיל נארישקייט (וואָס ער האָט אין זיך).

**ב)** דער קלוגער האָט זיין הארץ אויפ׳ן רעכטין אָרט אוןביים נאר איז דאָס הארץ עפּיס אויף דער לינקער זייט:

**ג)** אומעדום וואָהין דער נאר געהט, פֿעהלט איהם אלץ א קלעפּקע און ווייזט דעם נאר ארויס:

**ד)** ווען דער עלצטער ווערט עפּיס בייז אויף דיר, זאָלסטו נאָר זיך פֿינ׳ם אָרט ניט אוועקריהרען, וואָרים אָפּט דורך הכנעה שטילט מען דאָס גרעסטע פֿארשטיפֿונג.

**ה)** עס איז פֿערהאנדין אָפּט א שלים-מזל וואָס איך האָב שוין צו גיזעהען אונטער דער זון, אזוי וויא איין ארויסחאפּעניש וואָס חאפּט זיך ארויס א וואָרט פֿין א פֿריץ.

**ו)** קליינע און שלים-מזלניקעס זענין ארויף גיזעצט גיוואָרין אין זיבעטין הימעל און פֿיינע בריות ליגען אין שפלות.

**ז)** קנעכט האָב איך גיזעהען אויף שיינע פֿערד און שררות אזוי וויא קנעכט צו פֿוס געהן אויף דער ערד.

**ח)** דער וואָס גראָבט אויס א גרוב (אויף איין אנדערען) דער פֿאלט טאקי אליין דרינען אריין, און דער וואָס ברעכט מויערין – דעם בייסט א שלאנג.

**ט)** דער וואָס שלעפּט שטיינער אהער, רייסט אליין קריעה פין זייא, דער וואָס האקט אָבער האָלץ, דער וואַרימט זיך דערבייא.

**י)** אז דאָס אייזין איז שטומפּיג מען האָט גאָר נישט גישארפט און גיגלאנצט וועט עס יוא טויגין צי עפּיס (גרינג צו שניידין)? אָבער מיט חכמה טהוט זיך אלדינג זייער גרינג.

**יא)** ווען דיא שלאַנג בייסט נאָך איידער מען האָט איהר אָנגישפּראָכין אזוי קומט דעם אנשפּרעכער נישט דרויס.

**יב)** דיא ווערטער פין א חכמ׳ס מויל זענין לויטער חן, און דיא ליפּין פֿין א נאר דערשלינגען זיך גופיה.

**יג)** דער אָנהייב פין זיין שמיסין איז נארישקייט, און דער אויסלאָז פין זיין מויל איז א בייזע לייד.

**יד)** דער נאר פּלוידערט נאָר אום אזוי א מענש איבערלייגט זיך נישט וואָס דערפין קען ארויסקומען, אָבער האָטשי וואָס אונטער זיינע פּלייציס טהוט זיך האָט איהם קיינער נישט צו זאָגין.

**טו)** דיא האָריוואניע פין א נאר מאָרדיוועט איהם אָפּ, אזוי וויא איינער וואָס ווייסט נישט ווירומער צו געהן אין שטאדט אריין.

**טז)** ווייא איז דיר לאנד! אז דיין מלך איז א יונגיל, דיינע שררות האפּין זיך צום עסין גאנץ פריה.

**יז)** אז וואול דיר לאנד! ווען דיין מלך איז א פיינע בריה׳ס-קינד, און דיינע שררות עסין ערשט ווען זייא האָבין דיא צייט דערצו, עסין זאָלין זייא – זיך דער פרישין, ניט זייא זאָלין זיך פארשכורין.

**יח)** מיט פוילקייט ווערט קאליע דער סוואַליק און מיט פארלייגטע הענט קאַפּעט עס אין שטוב.

**יט)** זייא מאכין נאָר סעודות און צו הילִיען[6], און וויין זאָל דאָס לעבין לוסטיג מאכין, און אלדינג קומט בייא זייא גאָר אויף געלט אָן:

**כ)** אויך צווישען דיינע באקענטע זאָלסטו אויף א מלך נישט ריידין, און אין דיין שלאָף קאמער זאָלסטו קיין עושר נישט שעלטין, וואָרים דער פויגיל פין דעם הימעל מאכט אויך א קול, און דער גיפליגילטער מאן זאָגט אויס אָפּט א זאך.

**יא א)** לאָז דיין ברויט מיט׳ן וואסער אוועק שווימען, א מאָהל אין א צייט ארום וועסטו עס ווידער גיפינען.

**ב)** שטעל איין א חלק אויף זיבען אי אויף אכט, וואָרים עס איז גאָר קיין ראיה נישט וועלכ׳ס שלעכט איז אויף דער וועלט (דאָס מיינט מען מען דארף נישט פרעגין דערנאָך אויב זיבען איז מזלדיג, אָדער אכט איז שלים-מזלדיג, וואָרים דאָס איז נארישקייט).

**ג)** אז דיא חמאריס נעהמען זיך אָן מיט וואסער, אזוי וועלין זייא א רעגין אויף דער ערד אָן צאפּין, און וועז א שפּאָן פאלט קיין דרום אָדער קיין צפון אָדער וויא הין ער פאלט דאָרטין וועט ער ליגין, (דאָס הייסט מען קען אויס דעם וואָלקין נישט מעהר אויס וואָראָזשען נאָר אז רעגין וועט געהן, און פינ׳ם פליהען וואָהין דער שפּאָן פליהט, נאָר אז ער וועט דאָרט בלייבן ליגין וויא ער וועט פאלין).

**ד)** דער וואָס שפּירט נאָך דעם ווינד דער וועט אייביג נישט קענין זייען, און דער וואָלקען-קוקער וועט קיינמאָהל נישט קענען שניידין.

---

[6] הילִיען (אַדעס 1873; ר׳ 1923): הוליען

**ה)** אזוי וויא דוא פארשטעהסט דאָך נישט אויפ׳ן סליד פינ׳ם ווינד, אזוי וויא דיא גלידער אינ׳ם בויך פין דער טראָגעדיגער, אזוי פרשטייסטו דיך נישט אויף גאָט׳ס מעשים וואָרים אַלדינג איז דאָך זיינע מעשים.

**ו)** אין דער פריה זייעה דיר דיין זאָמין, אונ אויף דער נאכט לאָז דיך נישט אָפּ, וואָרים דוא קענסט עס נישט וויסין, וועלכעס גוט איז צי דאָס, צי דאָס, אָדער אפשר זעניןביידע גוט.

**ז)** זיס איז דיא לעכטיגקייט אונ גישמאק פאר דיא אויגען אָן קוקענדיג דיא זון.

**ח)** וויא פיל יאָהר ער וויל מעג אַ מענש לעבין, זאָל ער זיך תמיד פאַרגינען א נחת צו האָבין, אונ זאָל בזכרון האָבין, אז דיא טעג פינ׳ם פינצטערניש וועלין אויך א מאָהל אָן קומען, וואָרים זיי וועלין געוויס צו פיל זיין, (אונ אַלץ וואָס איז גיוועהן וועט נישט קלעקין גלייך ווען עס העט נישט גיוועון קיין מאָהל קיין גוטס).

**ט)** הולייע דיר יונגער מאן מיט דיין קינדערשקייט, אונ לאָז דיר זיך וואול געהן אויפ׳ן האַרצין אין דיינע יונגע יאָהר, געה דיר וויא הין דיין הארץ טראָגט דיך, אונ וויא דיינע אוינגין גילוסטען, אָבער ווייס, אז אויף אלים וועט דיך גאָט אַ מאָהל צום משפט שטעלין.

**י)** שלאָג דיר ארויס דיא זאָרג אויס דיין האַרץ, אונ לאָז דיר נישט צו קיין בייז צו דיין לייב, וואָרים דיא יוגענד יאָהרין אונ דאָס פרישקייט פין דיא גלידער געהט גיך פארבייא.

**יב א)** גידענק אָבער אויך אין דיין באשעפער אין דיינע יונגע יאָהרין, איידער עס וועלין נאָך קומען דיא בעטריבטע טעג, אונ אזוינע יאָהרין וועלין אָנקומען וואָס דוא

וועסט זאָגין, איך האָב פין זייא גאָר קיין הנאה נישט.

**ב)** איידער עס ווערט דיר נאָך נישט פארפינצטערט דיא זון אונ ד[אָ]ס[7] לעכט אונ דיא לבנה אונ דיא שטערין, אונ דיא חמאריס וועלין אַלע מאָהל ווידער קומען נאָך דעם רעגין.

**ג)** דעמילט אז דיא סטאָראָזעס פינ׳ם הויז וועלין זעהר שלאבעריק ווערען, אונ אויס דיא בריות וועלין קאליקיס שלים-מזלניקעס ווערין, די מילנערינס וועליןליידיג געהן – וואָרים זייא וועלין ניט סטייען, עס וועלין טונקיל ווערין דיא אויסזעהינעשין דורך די פענצטער.

**ד)** עס וועלין פארשלאָסין ווערין דיא טהירין אין מארק אריין, אונ דאָס מעל[-]קלאפער וועט זיך איין שטילין, מען וועט זיך אויף חאפין דורך קוויטשין פין די פעגיליך, עס וועלין זיך איינהאָרבען דיא לידער טעכטער.

**ה)** אויך פארוואָס עס איז א הערביקיל וועלין זייא זיך שייען, און אלץ וועט זיך איהם דאקוטשין אין גאַנג, דער מאנדעל בוים וועט צוויטען, אונ דער היישעריק וועט זיך איבער הייבין, אונ דער חשק וועט פארשטעהרט ווערין. וואָרים דער מענש געהט זיך שוין אהיים אויף יענער וועלט, אונ דיא באקלאָגערס פלאָנטען זיך שוין אין דיא גאסען.

**ו)** איידער עס וועט נאָך פערשטאָפּט ווערין דאָס זילבערנע שניריל, עס וועט קרעכקע ווערין דאָס גילדינע קרייזיל, דער קרוג בייא דער קערניטשקע וועט צו בראָכין ווערין, אזוי וועט דאָס ראָד אָפּ לויפין אין דער ברונען אַריין.

**ז)** דאָס ערדיגע וועט זיך אומקעהרין אין דער ערד אריין וויא עס איז גיוועו, אונ דער

---

[7] אַדעס 1873: דאָס; ר׳ 1923: דאַס

דוך וועט צוריק געהן צו גאָט דער וואָס האָט איהם אריין גיגעבין.

**ח)** הבל הבלים האָט דער קהלת גיזאָגט, אלדינג איז הבל.

**ט)** וויא קהלת איז אלע מאָהל קליגער גיוואָרין אזוי האָט ער אלע מאָהל מעהר דעם עולם אויך צו גילערינט גיניטשאפט, אונ האָט אויס גיוואוגין אונ אויסגיקלעהרט, שפּריכווערטער פין זייער׳ס וועגין גימאכט.

**י)** קהלת האָט גיטראכט נוצליכע זאכין ממציא צו זיין אונ אמת זאכין קלאָהר אויף צו שרייבין.

**יא)** דיא חכמים רייד זענין וויא גינאָגילטע שטעקינס, אונ וויא דיא איינגיזעצטע שפּיצין בייא דיא האַדאַייס, אלץ קומט פון איין פּאַסטוך ארויס.

**יב)** דער עיקר איז אָבער מיין קינד דאָך, אליין אויף זיך אכטונג צו געבין, אלץ אין ספרים ארויס צו שרייבין האָט גאָר קיין עק נישט, אונ פיל טראכטיכץ איז א טרחא אין קאָפּ.

**יג)** דער קיצור פין אלים איז: האָב מורא פאר גאָט, אונ פּילניווע זיינע מצות, וואָרים אָ דאָס איז גאָר דער תכלית פין דעם מענשען.

**יד)** וואָרים איטליכען אינטערעס וועט גאָט צום משפט ברענגין מיט אלים וואָס דרינען איז איינגיוויקילט צי גוט צי בייז.

אָבער דער קיצור פין אלים איז: האָב מורא פאר גאָט אונ פּילניווע זיינע מצות, וואָרים אָ ד[אָ]ס[8] איז גאָר דער תכלית פין דעם מענשין.

[8] אַדעס 1873: דאָס; ר׳ 1923: דאַס